# מגדים של זהב

**על דרך הפלפול והחידוד**

**שנת תשפ"ד - גליון קלא**

**פרשת וארא**

בענין

**פלפול בדברי המדרש רבה**

**"הרבה פעמים נגליתי להאבות ולא הרהרו אחר מדותי"**

**וַיְדַבֵּר אֱלֹהִים אֶל מֹשֶׁה וַיֹּאמֶר אֵלָיו אֲנִי ה':** (שמות ו, ב)

**דברי רש"י**

**רש"י** איז מפרש דער פסוק, וזה לשונו: **דבר אתו משפט** - די אייבישטער האט גערעדט שטרענג - בלשון אלוקים - צו משה, **על שהקשה לדבר ולומר** (לעיל ה כב) **למה הרעותה לעם הזה** - ווייל משה רבינו האט געהאט טענות 'למה הרעותה לעם הזה', פארוואס די אידן ווערן אזוי געפייניגט אין מצרים.

**דברי המדרש רבה**

די **מדרש רבה** (פרשה ו, פיסקא ד; מובא קצת ברש"י פסוק ט, ד"ה מקצר רוח) איז מער מאריך וואס איז געווען די 'דבר אתו משפט', וזה הלשון שם: **אמר לו הקדוש ברוך הוא למשה, חבל עד דאבדין ולא משתכחין** - די אייבישטער האט געזאגט פאר משה רבינו, עס איז א גרויסע הפסד אויף די צדיקים וואס זענען שוין נישט דא, און מען קען נישט מער געפונען אזעלכע צדיקים וואס איז אמאל געווען. **הרבה פעמים נגליתי על אברהם יצחק ויעקב ב"אל שדי" ולא הודעתי להם כי "שמי ה'", כשם שאמרתי לך, ואף לא הרהרו אחר מדותי** - די אייבישטער האט געזאגט פאר משה, אז די אבות הקדושים וואס האבן נישט באקומען די התגלות פון די שם הוי"ה, נאר די אייבישטער האט זיך צו זיי מגלה געווען מיט די שם 'אל שדי', אפילו אזוי האבן זיי נישט געהאט קיין טענות אויף מיר, אבער משה וואס האט יא זוכה געווען צו די התגלות פון די שם הוי"ה האט יא טענות אויף די הנהגה פון די בורא. און די מדרש איז ממשיך: **אמרתי לאברהם** (בראשית יג, יז) **קוּם הִתְהַלֵּךְ בָּאָרֶץ לְאָרְכָּהּ וּלְרָחְבָּהּ כִּי לְךָ אֶתְּנֶנָּה** - די אייבשטער זאגט פאר משה, איך האב געזאגט פאר אברהם אבינו, אז ארץ ישראל וועט זיין זיינס, און אפילו אזוי ווען שרה איז אוועק פון די וועלט **בקש לקבור שרה ולא מצא עד שקנה בדמים** - האט אברהם אבינו געוואלט באגראבן שרה אין ארץ ישראל, אבער ער האט נישט געטראפן קיין פלאץ פאר איר, ביז אברהם אבינו האט געדארפט אפקויפן א שטיקל קרקע פון עפרון צו קענען באגראבן שרה, און לכאורה האט אברהם אבינו געקענט האבן טענות, אז די אייבישטער האט דאך געזאגט אז גאנץ ארץ ישראל געהערט פאר אים, און אפילו אזוי בשעת אברהם זוכט א קבר פאר שרה, דארף ער צאלן געלט פאר דעם!? אפילו אזוי: **לא הרהר אחר מדותי** - האט אברהם אבינו נישט מהרהר געווען אויף הקב"ה - משא"כ משה רבינו וואס האט געזאגט פארן אייבישטער 'למה הרעותה לעם הזה'. עד כאן דברי המדרש.

**ביאורו של ה'קול יעקב' בדברי המדרש**

**הגאון החכם רבי יעקב רקח זצ"ל** מחכמי לוב (נכדו של בעל מעשה רקח על הרמב"ם) אין זיי ספר **קול יעקב** איז מבאר דער מדרש מדרך פלפול. און איז מקדים מיט א קשיא וואס די גאון הנודע **רבי אבי עזרי זעליג מרגליות זצ"ל**, דער בעל **'כסף נבחר'**, פרעגט אויף דער מדרש (כאן בפרשתן) וזה לשונו: **וקשה, וכי לא היה לאברהם להרהר אחרי מידותיו יתברך כי אם בקניית קבר לשרה, יותר היה לו להרהר כשאמר לו** (בראשית כב, ב) **קַח נָא אֶת בִּנְךָ אֶת יְחִידְךָ אֲשֶׁר אָהַבְתָּ... וְהַעֲלֵהוּ שָׁם לְעֹלָה, ואתמול אמר לו** (בראשית כא, יב) **כִּי בְיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע** - פירוש: די כסף נבחר פרעגט, פארוואס כאפט אן די מדרש אלץ דוגמה פאר אברהם אז ער האט נישט מהרהר געווען אחר מידותיו של הקב"ה די מעשה פון קבירת שרה, אברהם אבינו האט דאך געהאט אסאך מער נסיונות ווי ער האט

געקענט מהרהר זיין אחר מידותיו, אזוי ווי די מעשה פון די עקידה, וואס די אייבישטער האט אים קלאר צו געזאגט 'כי ביצחק יקרא לך זרע', און אפילו אזוי שפעטער האט אים די אייבישטער געזאגט ער זאל גיין שחט'ן יצחק, און אפילו אזוי האט אברהם נישט מהרהר געווען אחר מידותיו?

כדי צו פארענטפערן דער קשיא שרייבט די קול יעקב: **אמנם נקדים דקדוק על משה, דמה סבירא ליה דלמה הרעותה, וכי הקב"ה גזר עליהם שלא כדין, והא חייבים בקושי השעבוד בשביל מכירת יוסף** - פירוש: די **גמרא** זאגט אין **מסכת שבת** (י, ב) **אמר רבא בר מחסיא אמר רב חמא בר גוריא אמר רב: לעולם אל ישנה אדם בנו בין הבנים, שבשביל משקל שני סלעים מילת שנתן יעקב ליוסף יותר משאר בניו - נתקנאו בו אחיו, ונתגלגל הדבר וירדו אבותינו למצרים** - רב האט געזאגט, א מענטש זאל נישט משנה זיין צווישען איין קינד און די אנדערע, ווייל פון דעם וואס יעקב אבינו האט געגעבן פאר יוסף די 'כתונת פסים' וואס איז געווען געמאכט פון 'משקל שני סלעים' פון די צמר המשובח וואס הייסט 'מילת', דעס האט גורם געווען אז כלל ישראל איז א דורך דער גלות מצרים, ווייל די שבטים האבן מיט דעם מקנא געווען יוסף אז ער באקומט מער פון זיי, און דעס האט גורם געווען די מכירת יוסף ביז יעקב און די שבטים זענען אנגעקומען קיין מצרים.

קומט דארטן תוספות און פרעגט: **ואף על גב דבלאו הכי נגזר דכתיב** (בראשית טו, יג) **ועבדום וענו אותם** - פירוש: אין פסוק שטייט: וַיֹּאמֶר לְאַבְרָם יָדֹעַ תֵּדַע כִּי גֵר יִהְיֶה זַרְעֲךָ בְּאֶרֶץ לֹא לָהֶם וַעֲבָדוּם וְעִנּוּ אֹתָם אַרְבַּע מֵאוֹת שָׁנָה, דהיינו די אייבישטער האט שוין געזאגט פאר אברהם אבינו אז כלל ישראל גייט אראפ גיין קיין מצרים, איז וואס זאגט רב, אז די קנאה פון די שבטים אין יוסף דעס האט גורם געווען צו גלות מצרים? ענטפערט תוספות: **שמא לא היה נגזר עליהם עינוי כל כך אלא על ידי זה** - פירוש: תוספות איז מבאר אז די גזירה פון גיין קיין מצרים איז שוין טאקע געזאגט געווארען פאר אברהם אבינו, אבער דער 'עינוי' וואס די אידן האבן געהאט אין מצרים, דעס האט דער מכירת יוסף גורם געווען. לפי זה פרעגט דער קול יעקב, וואס האט משה רבינו געהאט טענות אויפ'ן אייבישטער 'למה הרעותה לעם הזה', דער עינוי און דער פיין איז געקומען אויף כלל ישראל צו מכפר זיין אויף מכירת יוסף?

און כדי צו פארענטפערן דער קשיא, ברענגט די קול יעקב אראפ די באוויסטע **פרשת דרכים**, וואס איז מבאר וואס איז געווען די מחלוקת צווישען יוסף הצדיק און די שבטים, יוסף הצדיק האט געהאלטן אז די שבטים האבן א דין ישראל נאר להחמיר אבער נישט להקל, דהיינו, אז זיי האבן געהאט אויף זיך א דין ישראל נאר לגבי דינים וואס אויב זיי זענען א ישראל דארפ'ן זיי מחמיר זיין, אבער אויב מכח וואס זיי פארופען זיך פאר א ישראל גייט אויס קומען א קולא, לגבי דעם האבן זיי געהאט א דין בן נח, און נישט קיין די ישראל. און די שבטים האבן געהאלטן אז זיי האבן א דין ישראל בין להחמיר ובין להקל, דהיינו, אפילו א זאך וואס איז אסור פאר א בן נח, האבן זיי געהאלטן אז זיי דארפן נישט מחמיר זיין אויף דעם, ווייל זיי האבן א דין ישראל אף להקל. לפי זה איז ער מסביר, אז יוסף האט געזעהן ווי די שבטים עסן א בהמה שמפרכסת - דעס מיינט א בהמה גלייך נאך די שחיטה וואס לעבט נאך אביסל, וואס ביי א איד איז עס שוין מותר צו עס'ן אפילו עס לעבט, ווייל ביי א איד איז תלוי די טויט פון די בהמה אין די 'שחיטה', אין די רגע וואס עס איז געשאכטן איז נישט דא די איסור פון אבר מן החי, און עס איז שוין מותר צו עס'ן, אבער א בן נח, וואס האט נישט די מצוה פון שחיטה, טאר נישט עס'ן פון דער בהמה אפילו נאך ער שח'ט עס, ביז עס איז אינגאנצען געשטארב'ן. און לדעת יוסף האבן די שבטים געגעבן אבר מן החי, ווייל זיי האבן דאך געהאט אויף זיך א דין בן נח, און א בן נח איז אסור במפרכסת, אבער די שבטים אז זיי האבן א דין ישראל גמור, און זיי האבן בכלל נישט די איסור פון מפרכסת.

לפי זה קומט די קול יעקב אין שרייבט: **ומעתה אתי שפיר דרש 'עתה אמר משה למה הרעותה' מוכרח דסבירא ליה למשה שאינם חייבים על מכירת יוסף מטעם דמכרוהו כדין דהוציא עליהם דבה, והדין עמם דיצאו מכלל בן נח** - פירוש: לפי זה קומט אויס, אז ווען משה רבינו האט געהאט די טענה פון 'למה הרעותה לעם הזה', על כרחך האט ער נישט געהאלטן אז די עינוי איז געקומען מכח 'מכירת יוסף', איז על כרחך האט משה רבינו געהאלטן אז די שבטים האבן געהאט א דין ישראל גמור, און אויב אזוי איז יוסף נישט געווען גערעכט ווען ער האט פאר מסר'ט די שבטים פאר יעקב אז זיי עסן אבר מן החי, און די שבטים האבן געטוהן אזוי ווי די דין פאדערט ווען זיי האבן פארקויפט יוסף, און זיי האבן נישט בייגאנגען קיין שום עוולה.

לפי זה איז די קול יעקב מבאר זייער שיין די מדרש, ברגע וואס משה האט געזאגט 'למה הרעותה' איז מוכח על כרחך אז משה רבינו האלט אז די אבות הקדושים האבן א דין ישראל גמור, און אויב אזוי ווען די אייבישטער האט געזאגט פאר אברהם אבינו קוּם הִתְהַלֵּךְ בָּאָרֶץ לְאָרְכָּהּ וּלְרָחְבָּהּ כִּי לְךָ אֶתְּנֶנָּה, האט אברהם אבינו קונה געווען ארץ ישראל מכח די קנין פון 'חזקה' [וואס ארבעט נאר ביי א ישראל און נישט ביי א בן נח], און אברהם וואלט געקענט האבן טענות פארוואס ער דארף גיין זיכען א קבר פאר שרה אין ארץ ישראל, און צום סוף נאר טרעפן פאר טייער געלט, אבער אפילו אזוי לא הרהר אחר מדותי!